**איף תיכף ארויסצוגעבן:** 01/18/2026 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנאר האקול פאראדענט ניו יארק סטעיט לענדמארקס צו באלאכטן ווערן אין אנערקענונג פון סטאקינג אויפמערקזאמקייט טאג

### *16 לענדמארקס וועלן באלאכטן ווערן אין געל אין די אווענט פון יאנואר 18*

### *סאושעל מידיע אויפמערקזאמקייט קאמפיין דורכאויס'ן חודש צילט אויף טעכנעלאגיע-ערמעגליכטע סטאקינג און סאושעל מידיע זיכערהייט*

גאווערנאר Kathy Hochul (קעטי האקול) האט היינט אנערקענט יאנואר אלס סטאקינג (נאכגיין) אויפמערקזאמקייט חודש (Stalking Awareness Month) און יאנואר 18 אלס סטאקינג אויפמערקזאמקייט טאג פון עקשען (Stalking Awareness Day of Action) אין ניו יארק סטעיט, ארויסשטעלנדיג א פראקלעמאציע און פאראדענדיג 16 סטעיט לענדמארקס צו באלאכטן ווערן היינט נאכט אין עהרע פון די וואס זענען אפעקטירט געווארן דורך סטאקינג און אנדערע דשענדער-באזירטע געוואלדטאטן.

"באשיצן ניו יארקער פון דאמעסטישע געוואלדטאטן און אלע סארטן דשענדער-באזירטע געוואלדטאטן איז עפעס וואס איך נעם פערזענליך. דערפאר בין איך פארפליכטעט צו באשיצן ניו יארקער פון שאדן, און פארזיכערן אז ניו יארק איז א פארזיכערטע פלאץ פאר יעדער איינער," **האט גאווערנאר Hochul (האקול) געזאגט.** "אין די צייט וואס מיר טוען באלייכטן סטעיט לענדמארקס, טוט ניו יארק הייבן אויפמערקזאמקייט איבער די ערנסטע פארברעך פון סטאקינג, דערביי ווידער-באשטעטיגנדיג אונזער שטיצע פאר אלע די וואס זענען אפעקטירט געווארן דורך סטאקינג, און ארבעטנדיג צו פארזיכערן אז געוואלדטאטן און דראהונגען האבן נישט קיין שום פלאץ אין ניו יארקער קאמיוניטיס."

די מעלדונגען טוען אפצייכענען נאך א קריטישע טריט פאראויס אין די גאווערנאר'ס פובליק זיכערהייט אגענדע, מיט א פארמערטע געוויכט אויף די וואס זענען אפעקטירט געווארן דורך טעכנעלאגיש-ערמעגליכטע סטאקינג: 80 פראצענט פון באטראפענע פון סטאקינג האבן באריכטעט אז זיי זענען געווארן געסטאקט מיט טעכנעלאגיע, און 43 פראצענט פון פעדעראלע סייבער-סטאקינג קעיסעס האבן ארייגענומען די באנוץ פון סאושעל מידיע צו נאכגיין א צווייטע.

די פאלגנדע 16 לענדמארקס וועלן באלאכטן ווערן צו אפצייכענען סטאקינג אויפמערקזאמקייט טאג:

- WTC 1
- גאווערנאר מאריאו מ. קאומאו בריק (Governor Mario M. Cuomo Bridge)
- קאָסיאָסקאָו בריק (Kosciuszko Bridge)
- די ה. קארל מעקאל SUNY געביידע (H. Carl McCall SUNY Building)
- סטעיט עדזשוקעישען געביידע (State Edutacion Building)
- אלפרעד ע. סמיט סטעיט אפיס געביידע (Alfred E. Smith State Office Building)

- עמפייער סטעיט פלאזא (Empire State Plaza)
- סטעיט פעירגראונדס - הויפט אריינגאנג טויער און עקספא צענטער ( State Fairgrounds – Main Gate & Expo Center)
- ניאגארא וואסערפאלן
- די "פרענקלין ד. רוזעוועלט" מיד-האדסאן בריק ( The "Franklin D. Roosevelt" Mid-Hudson Bridge)
- גרענד צענטראל טערמינאל - פערשינג סקוועיר וויעדאָקט ( Grand Central Terminal - Pershing Square Viaduct)
- אלבאני אינטערנאציאנאלע לופטפעלד אריינגאנג (Albany International Airport Gateway)
- MTA LIRR - מזרח זייט טויער ביי פען סטאנציע
- פעירפארט ליפט ברידזש איבער דעם ערי קאנאל ( Fairport Lift Bridge over the Erie Canal)
- מויניהאן באן האל (Moynihan Train Hall)
- רוזעוועלט איילענד ליכט טורעם

אין אנערקענונג פון סטאקינג אויפמערקזאמקייט חודש און די כסדר'דיגע פארמערונג פון טעכנעלאגיש-ערמעגליכטע סטאקינג, האט די ניו יארק סטעיט אפיס פאר די פארמיידונג פון דאמעסטישע געוואלדטאטן (Office for the Prevention of Domestic Violence, OPDV) געשטעלט אין גאנג א סטאקינג אויפמערקזאמקייט חודש סאושעל מידיע קאמפיין צו אינפארמירן ניו יארקער איבער דיגיטאלע געפארן און איבער וועגן וויאזוי זיך צו באשיצן. די קאמפיין נעמט אריין נוצבארע ווידיאוס צו ווייזן פאר סאושעל מידיע באנוצער וויאזוי צו בלאקירן זייער לאקאציע פון ווערן מיטגעטיילט מיט אנדערע, עפעס וואס פילע באניצער ווייסן נישט און געוויסע עפפס טיילן מיט אטאמאטיש. באזוכט OPDV'ס Facebook, X (Twitter אין פארגאנגענהייט), Instagram, און LinkedIn פעידשעס פאר מער אינפארמאציע איבער סטאקינג און איבער וואו צו טרעפן ריסאורסעס.

OPDV האט אויך ארויסגעשטעלט די לעצטיגע ווידיאו אין איר VOICES: איבערלעבער געשיכטעס (Survivor Stories) סעריע, דערציילדיג א קאפיטאל ראיאן איבערלעבער'ס פערזענליכע געשיכטע פון ווערן געסטאקט דורך א באקאנטע פאר יארן. די סטאקער פון Cassandra Wilusz (קאסאנדרא ווילאס), אן איינוואוינער פון סקייעלערוויל, האט איר טעראריזירט און געטשעפעט דורך אימעיל און סאושעל מידיע, איר געסטאקט מיט זיין קאר און עראפלאן, און ארויסגעשטעלט בילדער פון איר היים דורך א פאלשע Facebook אקאונט. דא קענאיר זעהן דעם ווידיאו אויף OPDV'ס YouTube טשענעל.

**אפיס פאר די פארמיידונג פון דאמעסטישע געוואלדטאטן עקזעקיוטיוו דירעקטאר Kelli Owens (קעלי אויוועס) האט געזאגט,** "מיר ווייסן אז סטאקינג שטעלט אן עכטע געפאר פאר די באטראפענע און איבערלעבער און פאר זייערע באליבטע. ליידער, מיט די שנעל-טוישנדע דיגיטאלע לענדסקעיפ, טוען די וואס פאראורזאכן שאדן טרעפן נייע וועגן צו באדראען און סטראשענען זייערע קרבנות. א דאנק, גאווערנאר Hochul (האקול), פאר'ן אלעמאל ארבעטן צו פארמערן אויפמערקזאמקייט ארום דשענדער-באזירטע געוואלדטאטן, אריינגערעכנט סטאקינג, און פאר אייערע באמיאונגען צו באשיצן ניו יארקער. יעדער איז בארעכטיגט זיך צו שפירן פארזיכערט, זאל עס זיין אנליין, אינדערהיים, אדער סיי וואו זיי גייען נאר."

**ניו יארק סטעיט אפיס פון סערוויסעס פאר געליטענע (Office of Victim Services, OVS) דירעקטאר Bea Hanson (בי הענסען) האט געזאגט,** "מענטשן טוען אפטמאל מינימיזירן סטאקינג, אבער די סארט אויפפירונג טוט אריינברענגען א פחד און קען זיך דערקייטלען און פירן צו ערנסטע פיזישע שאדן. איך וויל אז סיי ווער עס ווערט געסטאקט זאל וויסן אז OVS טוט ערנסט נעמען די פארברעך. מיר טוען פינאנצירן הילף פראגראמען פאר געליטענע דורכאויס דעם סטעיט וועלכע טוען

צושטעלן סערוויסעס פריי פון אפצאל. איך דאנק גאווערנאר Hochul (האקול) פאר איר שטאנדהאפטיגע פארפליכטונג צו אונזערע פראגראמען וועלכע שטיצן איבערלעבער פון סטאקינג, פארברעכנס און אביוז."

**ניו יארק סטעיט אפיס פון קינדער און פאמיליע סערוויסעס (Office of Children and Family Services) קאמישענער Dr. DaMia Harris-Madden (דאקטאר דאמיע העריס-מעדען) האט געזאגט,** "סטאקינג איז אפטמאל א באהאלטענע פארעם פון דאמעסטישע געוואלדטאטן — א בייזוויליגע מהלך פון טשעפעריי און קאנטראל וואס שטעלט די זיכערהייט, סטאביליטעט און גייסטישע וואויל-זיין פון די באטראפענע אין געפאר. אונטער גאווערנאר Kathy Hochul'ס (קעטי האקול) פירערשאפט, טוט ניו יארק סטעיט ווייטער פארשטערקערן שטיצע פאר איבערלעבער דורך פארמיידונג, אינטערווינירונג און צוטריט צו ריסאורסעס. די אפיס פון קינדער און פאמיליע סערוויסעס באדאנקט די גאווערנאר פאר'ן פארמערן אויפמערקזאמקייט אויף סטאקינג אויפמערקזאמקייט טאג און פאר'ן ווידער-באשטעטיגן אז יעדער ניו יארקער איז בארעכטיגט צו לעבן פריי פון פחד, סטראשינקעס און אביוז."

**ניו יארק סטעיט דיוויזיע פון קרימינאלע יוסטיץ סערוויסעס (Division of Criminal Justice Services, DCJS) קאמישענער Rossana Rosado (ראסאנא ראסאדו) האט געזאגט,** "אין די צייט וואס טעכנעלאגיע האלט זיך אין איין טוישן, טוען זיך אויך טוישן די מיטלען וואס ווערן גענוצט צו סטאקען און דערשרעקן. ביי DCJS, ארבעטן מיר צו האלטן ניו יארקער פארזיכערט דורך טרענירן געזעץ ענפארסירונג צו אנערקענען און אויספארשן טעכנעלאגיע-ערמעגליכטע סטאקינג, פארשטערקערן צוזאמענארבעט מיט אונזערע סטעיט און לאקאלע שותפים, און פארזיכערן אז אגענטורן האבן די געצייג און וויסנשאפט וואס זיי דארפן צו קענען אינטערווינירן גענוג פרי און באשיצן באטראפענע."

פון ווען גאווערנאר Hochul (האקול) איז אריין אין אפיס, האט ניו יארק געהעכערט באשיצונגען פאר געליטענע און איבערלעבער פון דאמעסטישע געוואלטאטן דורך צושטעלן א וועג צו אפהאקן די צוטריט פון אן אביוזער צו וויהיקעל טרעקינג טעכנעלאגיע, און ערמעגליכנדיג פאמיליע און הויזגעזונד מיטגלידער צו באקומען באפעלן פון באשיצונג, און אריינגעבן פאמיליע פארברעך פעטיציעס אונטער מעלאניעס געזעץ (Melanie's Law). די געזעץ טראגט די נאמען פון Melanie Chianese (מעלאניע שיעניזי), וואס איז גע'הרג'עט געווארן דורך איר געוועזענע באויפרענד, און ארבעט צו באשיצן די וואס זענען נאנט צום געליטענע, וויבאלד אביוזער טוען אפטמאל צילן באליבטע צו אנהאלטן קאנטראל.

די סטעיט אפיס פאר די פארמיידונג פון דאמעסטישע געוואלדטאטן איז די לאנד'ס איינציגסטע קאבינעט-ראנג עקזעקיוטיוו סטעיט אגענטור געווידמעט אויף די נושא פון דשענדער-באזירטע געוואלדטאטן. די סטעיט'ס דאמעסטישע און סעקסואלע געוואלדטאטן האטליין (Domestic and Sexual Violence Hotline) איז אוועילעבל 24/7: 800-942-6906 (רופט), 844-997-2121 (טעקסט) or opdv.ny.gov@ (טשעט). די סטעיט אפיס פון סערוויסעס פאר געליטענע (OVS) טוט פינאנצירן און שטיצן איבער 200 קאמיוניטי-באזירטע הילף פראגראמען פאר געליטענע וואס טוען צושטעלן אומזיסטע און געהיימע דירעקטע סערוויסעס, אריינגערעכנט קריזיס קאונסעלינג, שטיצע גרופעס, עדוואוקעסי, ציווילע לעגאלע סערוויסעס און טעראפיע, ווי אויך נאך סערוויסעס, פאר באטראפענע און איבערלעבער פון פארברעכנס. באזוכט OVS ריסאורס פארבינדעט (Resource Connect) צו טרעפן א פראגראם און אויסגעפונען מער.

###

זיך ארויסשרייבן